אָסקאר וויילד

# דאָס בילד פון
# דאריאן גריי

איבערזעצט פון
ח. ש. גארזדאָווסקי.

מיט אַ קריטישען נאָכוואָרט
פון ל. אקסעלראד (ארטאַראַקס).

ארויסגעגעבען פון
MAX JANKOVITZ
139 DIVISION ST., N. Y.
49

163988

# אסקאר ווײַלד'ס מײַסטערווערק.

## פון ל. אקסעלראד (ארטאדאקס).

---

די מערב־אײראפעאישע קריטיק האט שוין אבגעשאצט דעם אי־דעען־אינהאלט פון אסקאר ווײַלד'ס שאפען. זי האט אײנשטימיג בעשלאסען, אז דער רײַך בעגאבטער און טיעף אונגליקליכער קינסט־לער איז געווען א רײַנער עסטעט און א פרעדיגער פון עקסטרעמען אריסטאקראטישען אינדיווידואליזם.

די קערפערליכע שעהנהײט איז געווען זײַן אלערהעכסטע גאט־הײט, די שעהנע פארם — זײַן רעליגיעזער קולט, און העדאניזם (די לעהרע פון דעם גריכישען פילאזאף אריסטיפ, לויט וועלכער דאס העכסטע אין לעבען איז זינליכעס פערגעניגען) איז געווען זײַן מאראַ־לער געזעץ.

אמת, דא און דארט געפינט מען א רעוואלוציאנערע און אפילו א סאציאליסטישע טענדענץ בײַ דעם פאעט, אבער די בורזשואזע קריטיק, וועלכע האט ניט קײן שום אהנונג וועגען די פארטשריטליכע געזעלשאפטליכע שטרעמונגען, זעהט בײַ ווײַלד'ען סאציאליסטישע טענדענצען גראד דארט, וואו זײ זײַנען ניטא. פון דער צווײטער זײַט, ניט אינטערעסירענדיג זיך מיט דעם סאציאליסטישען פראב־לעם, בעריהרט זי נאר פארבײַגעהענדיג אט דעם עלעמענט, וועלכער איז אזוי פרעמד דעם עסטעטיזם.

אבער ווײַלד'ס עסטעטישע לעבענס־אויפפאסונג שפיגעלט אב פיעל קלארער און בעוואוסטזיניגער אײדער די אנזיכטען פון אנדערע מאדערנע שרײַבער די מאראלע פסיכאלאגיע, ריכטיגער דעם פסיכא־לאגישען אימאראליזם, פון א בעשטימטער גרופע פון דער מערב־אײראפעאישער אינטעליגענץ. זײַנע גרונד־מאטיווען זײַנען צוזײט איבער זײַנע דראמאטישע ווערק, קלײנע ערצעהלונגען און קריטישע ארטיקלען, אבער א פולע און קאנזעקווענטע רעכטפערטיגונג פון דעם נײַ־העדאניזם געפינען מיר אין „בילד פון דאריאן גרײ". אונזער אנא־ליז וועט זיך דעריבער קאנצענטרירען אויף אט דעם שעדעוור פון קינסטלער.

דאס בילד, ווי ווײַלד ערקלערט ניט אײן מאל, איז די נשמה, דאס געוויסען פון דאריאן גרעי. דאס וואס שפיגעלט זיך אב אויף

דעם פּאָרטרעט נאָך יעדער שלעכטער טהאט איז די געוויסענסביסע. די פאַלשטענדיגע גלײַכגילטיגקייט צו זינליכע פּערגניגענס, א לייַדענשאַפטליכע שטרעבען צו ענדערען דאס ביזהעריגע לעבען, די בענקשאַפט נאָך מאָראַליש־גייסטיגער ריינקייט — דאס זיינען די פּסיכאָלאָגישע מאָט ווען פון דער אלטער קריסטליכער עטיק. דאס קען מען לייכט בעשטעטיגען מיט פיעלע ציטאטען, וועלכע וואלטען דא פערנומען צופיעל פּלאַץ. אבער גענוג איבערצייגענד זיינען די פאָלגענדע אויסצוגען:

— הערדי, — דאט דאָריאן גרעי איין מאל געזאָגט צו לאָרד וואָטאָן, — די נשמה איז א שרעקליכע רעאַליטעט. מען קען דאס קויפען און פערקויפען, און זיך בייטען דערמיט. מען קען די נשמה פער׳סמ׳ען אדער פערפאלקאמען. אין יעדערען פון אונז איז פאראן א נשמה. איך וויים דאס.

אויף אן אנדער אָרט גיט דער פּאָעט איבער די חרטה, וואס דער העלד פיהלט, אין די פאָלגענדע ווערטער:

— קען דאס זיין אמת, אז מען קען זיך ניט ענדערען? דאָריאן האָט שרעקליך געבענקט נאָך דער אונבעפלעקטער נשמה פון זיין יוגענד. ער האט געוואוסט, אז ער האט זיך פעראומרייניגט, טיף פערדאָרבען זיין פערשטאנד אין זיין פאַרשטעלונג, און אז זיין איינפלוס אויף אנדערע איז פערדערבענד... אבער קען מען דען דאס אלץ ניט פערדיכטען? איז פאר איהם ניטא קיין האָפנונג? א, אין וועלכער שרעקליכער שטאָלצער און ליידענשאַפטליכער מינוט האָט ער דאס געבעטען, אז זיין פּאָרטרעט זאָל אויף זיך נעמען די גאַנצע לאַסט פון זיין לעבען, און ער אליין זאל בלייבען אונבעפלעקט און אייביג יונג! אָט צוליעב וואס ער געהט איצט פערלאָרען. עס וואלט געווען טויזענד מאל בעסער, ווען נאָך יעדער זינד זיינער וואלט באלד געקומען די שטראָף. אין שטראָף ליעגט די לייטערונג. „ניט לאָז אונז איבער אונזערע שולדען, נאָר בעשטראָף אונז פאר אונזערע זינד,“ — דאָס דאַרף זיין דעם מענשען׳ס תפילה צו דעם גערעכטען גאָט.“

לאָרד וואָטאָנ׳ס איינפלוס פאַלט. דער טייוועל איז פאַלשטענדיג בעזיעגט. דער מאָלער האַללוואַרד האָט דאָ זיין נצחון, און די זעל פייערט איהר ווידעראויפלעבונג.

ווי פאראדאקסאל דאס זאל ניט אויסזעהן. אבער דער פינאל
פון „דאריאן גריי'ס פארטרעט" און די גאנצע קינסטלערישע און פסי-
כאלאגישע בעגרינדונג פון דעם פינאל דערמאנט זעהר שטארק אן
טאלסטאי'ס „תחית המתים."

אין דעם פירשט נעכליודאוו קעמפען צוויי פרינציפען: די טיע-
רישע פערזענליכקייט מיט דעם גייסטיגען „איך". דורכגעהענדיג דעם
וועג פון זינליכע פערגניגענס, איז טאלסטאי'ס העלד געקומען צום
שלוס, אז אלע פערלאנגען און בעפרידיגונגען פון דער טיערישער פער-
זענליכקייט זיינען נישטיג. ווערט ער פאלשטענדיג גלייכגילטיג צו
יענע אלע גוטע זאכען, וועלכע זיינען געוועזען דער עיקר פון זיינע פרי-
הערדיגע שטרעבונגען. איז איצט שטארק אין איהם דער וואונש אנצו-
הויבען א ניי גייסטיג לעבען. אט אין דעם מאמענט איז דער גייסטי-
גער „איך" מנצח די טיערישע פערזענליכקייט. דאס איז תחית המתים.

ניט קוקענדיג אויף דעם וואס מען געפינט אזא אונבעשטרייט-
בארע און אזא אינטערעסאנטע עהנליכקייט, איז אבער פאראן צווי-
שען טאלסטאי'ס אסקעטיש-קריסטליכער אידעע און דער פילאזאפיע
פון „דאריאן גריי'ס פארטרעט" א געוואלדיגער אונטערשיעד.
טאלסטאי איז אן איבערצייגטער פרעדיגער פון דער אסקעטישער
וועלט-אנשויאונג. פאר איהם זיינען אלע מאטעריעלע, זינליכע פער-
גניגענס בכלל ניט קיין ווירקליכקייט, ריינע אילוזיאנען, וואס הא-
בען נאר דעם אויסערליכען אויסזעהן פון לעבען. מאטעריע אליין
איז שוין זינדיג. זי איז דאס, וואס מען דארף איבערוועלטיגען
אויף דעם וועג צום קריסטליכען בעוואוסטזיין, צו גאט'ס קעניג-
רייך אין אונז.

אסקאר ווילד, נאטירליך, איז זעהר ווייט פון אזא וועלט-
אנשויאונג. פערזארטעהילענדיג דעם נעא-העדאניזם אין „דאריאן
גריי'ס פארטרעט", איז ער אבער אין דער זעלבער צייט א געגנער
פון די אסקעטישע אנזיכטען. דעם פאעט'ס אנשויאונג ווערט אויס-
געדריקט אין דעם פאלגענדען אויסצוג: „דאריאן גריי האט געטרוימט
פון א נייער סכעמע פון לעבען, א פילאזאפיש בעגרינדעטער סכעמע
מיט א סיסטעם פון פרינציפען, א סכעמע, דער העכסטער פונקט
פון וועלכער זאל זיין די צוזאמענגיסונג פון די געפיהלען מיט'ן גייסט."

און װײַטער געפינען מיר: „ער דאַרף איגנאָרירן דעם אַס־קעטיזם, װעלכער פאַרשטיקט די געפּהלען, פּונקט אַזױ װי די װאולגאַרע צולאַזענקײַט, װעלכע טעמפּט זײ אָב.“ נאָך מעהר, ניט קוקענדיג אױף דעם, װאָס האלװאַרד זיעגט אין דאָריאַן גרײ, טײלט װײַלד גאָר אָהן צװײפעל פיעלע, װײַט ניט אונװיכטיגע, אַנשױאונגען פון לאָרד װאָטטאָן.

פרעגט זיך װאו איז דער סינטעז? צו האָט דער ענגלישער קינסטלער איבערהױפּט אַזאַ סינטעז? אױב ניט, טו קען מען דען ניט ענטדעקן אין זײַן שאַפען אַ געװיסע טענדענץ, װעלכע געפינט זיך דאָך אין דעם שאַפען פון יעדען גרױסען קינסטלער? אום צו ענטפערען אױף די פראַגען, מוזען מיר זעהן קודם כל װאָרום די נעאָ־העדאָנישע טעאָריע האָט באַנקראָטירט אין דאָריאַן גרײ'ס פאַל.

מיר זעהען דאָ דרײַערלײ מאָטיװען. ערשטענס, פיהרט אַ לעבען, װאָס איז געבױט אױסשליסליך אױף קערפּערליכע פאַרגניגענס, צו אַן אָבטעמפּונג פון פאַרלאַנגען, אַן איבערזעטיגונג און אַן אַבסאָלוטער גלײַכגילטיגקײט. מיר זעהען דאָ די װירקונג פון דעם פסיכאָ־פיזישען געזעץ, לױט װעלכען די אױפרעגונג דאַרף שטײַגען אין אַ געאָמעטרישער פּראָפּאָרץ, אום די עמפפינדונג זאָל זיך פאַרשטאַרקען אין אַן אַריפמעטישער פּראָפּאָרץ, דאָס הײסט, די אױפרעגונג דאַרף שטײַגען אַלע מאָל אין אַ פיעל גרעסערער מאָס.

אין דער קינסטלערישער פאָרם װערט דאָס געזעץ בעװיזען אױף דעם גלענצענדסטען אופן. דאָריאַן גרײ געפינט שױן מעהר ניט קײן בעפרידיגונג אין זײַן לעבען װאָס איז איבערפול מיט אַלערלײ מאַטעריעלע פאַרגניגענס. ער הױבט אָן פאַרקלײדען זיך פאַר אַ לאָנדאָנער כוליגאַן און זוכט נײַע קװאַלען פון אױפרעגונג אין די פינסטערע, שמוציגע לעכער פון לאָנדאָנער אונטערװעלט.

צװײטענס, האָט זיך אױך ניט אײַנגעגעבען צו פאַרװירקליכען דאָריאַן גרײ'ס טרױם װעגען פאַרבינדען די זינליכע פאַרגניגענס מיט שעהנהײט. שעהנהײט איז אַ גרױסע זאַך. עס איז אַלץ אײנס, צו מען קוקט אױף איהר פון אַן אידעאַליסטישען שטאַנדפּונקט, צו מען לאָזט דאָס איבער אין גאַנצען אָהן אַ פילאָזאָפישער בעשטימונג, װי דאָס טהוט אָסקאַר װײַלד, אָבער יעדער דענקענדער, ענטװיקעלטער

מענש אנערקענט איהר גרויסע בעדייטונג. אויב מען זאל נאר ריכ־טיג אבשאצען דעם ווערט און די ראל פון שעהנהייט אין לעבען, קען זי ווירקליך אונז פיעל העלפען טיעפער און פיינער צו מאכען אונזער מאטעריעלען, ווי אונזער גייסטיגען לעבען.

אבער דאס איז נאר מעגליך דאן, ווען מען געפינט פאר שעהנ־הייט איהר ריכטיגען ארט אין לעבען און מען שטעלט זי ניט אוועק אין צענטער פון דער אנשויאונג, און מען מאכט ניט פון איהר קיין נארמען פון אויפפיהרונג. דער עקסטרעמער עסטעטיזם פיהרט ניט צו דער ענטוויקלונג און פערפיינערונג פון געשמאק, נאר פער־קערט, צו דער אבטעמפונג פון יעדער עסטעטישער עמפפינדליכקייט. דאס אויבען דערמאנטע פסיכא־פיזישע געזעץ איז גילטיג אויך דא. און גאנץ גערעכט איז האמאן, ווען ער זאגט אין זיין „עסטעטיק“:

„די הויכע עמפפינדליכקייט פון דעם עסטעטיזם און זיין איינגע־שלאסענקייט אין דעם קרייז פון ריין קינסטלערישע אינטערעסען האבען געפיהרט דערצו, אז די מאדערנע קונסט האט טיילוויז דעם אויסזעהן פון א פלאקאט. אום צו פערשטעהן אזא ערשיינונג, מוז מען געדענקען, אז די אבטעמפונג פון עמפפינדליכקייט, וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר דעם עסטעטיזם, ערלויבט צו דולדען צודרינג־ליכע רעקלאמען.“

און ווירקליך, די מאדערנע קונסט איז אין עצם גראב, שרייענד, משונה׳דיג און פול מיט גוזמאות, אלץ עלעמענטען, וואס דארפען אויפרעגען דאס אבגעטעמפטע עסטעטישע געפיהל.

האלטענדיג שעהנהייט פאר דעם העכסטען ווערט אין לעבען, שטעלט זי דער עסטעט אין צענטער פון זיין גייסטיגער עקזיסטענץ. די ווירקליכקייט מיט איהרע רייכע, אונענדליך פערשידענע פארמען, מיט איהרע קאנטראסטען, וועלכע פערשאפען און פערטיפען אונזער עמפפינדליכקייט, פער־שווינדט פון איהם; און די עסטעטישע עמפפינדליכקייט, וואס איז נאר געווענדט אויף אויסדערוועהלטע „שעהנע“ זאכען, ווערט נאטיר־ליך פערגליווערט און פאדערט אלץ שרייענדערע, מעהר משונה׳דיגע, עקסטראוואגאנטע פארמען. דער נייער עסטעטיזם פיהרט דעריבער צו זיין איינענעם היפוך,

דער עסטעטישער געשמאַק ווערט גראָב און ווילד, ניט קוקנדיג אויף דעם שעהנעם אויסזעהן.

אַט דער מאָטיוו, אַז דער עסטעטיזם פיהרט דערצו אַז דאָס עס־טעטישע געפיהל ווערט פערגרעבט, און איז אויך אַם פולסטען אויסגע־דריקט אין „דאָריאַן גריי'ס פּאָרטרעט."

פערפאָלגט פון געוויסענביסען, געפינט דאָריאַן גריי מעהר נ'ט קיין טרייסט אין שעהנע זאַכען און קונסטווערק. די עסטעטיק איז מאַכטלאָז, ווען מען דאַרף הײַלען אַ טויטליך פערוואונדעטע נשמה. דאָריאַן'ס כלל, אַז „מען דאַרף הײַלען די נשמה מיט געפיהלען". טרײַבט איהם אין פינסטערע לעכער פון דער אונטערוועלט. זײַן עמפּ־פינדליכקײַט איז אַבגעטעמפּט פון דעם איבערפלוס פון שעהנע זאַכען און קען ווערען אויפגערעגט נאָר פון שרעקליך גראָבע און העסליכע זאַכען און ערשײַנונגען.

ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס דער מאָראַלישער מאָמענט איז אין דעם ווערק בעצײַכענט מיט אויסערגעוועהנליכער קינסטלערישער קראַפט, קומט ער אַרויס ניט אין זײַן פּאָזיטיווער בעדײַטונג, נאָר אין אַ ריין נעגאַטיווער ווירקונג. ווי דער העלד האָט זיך ניט בע־מיהט צו פערטרײַבען מיט זײַן שכל די געוויסענביסען, האָבען זיי איהם דאָך פער'סמ'ט זײַן לעבען.

שטעלט זיך די פראַגע — ווי אַזוי דאַרף זיך אויפפיהרען אַ בע־וואוסטזיניגע פּערזאָן, כדי איהר לעבען זאָל זײַן וואָס אינהאַלטסרײַ־כער? לאָרד וואָטטאָן איז דאָך אייגענטליך גערעכט, ווען ער בע־הויפּטעט, אַז דער ציעל פון לעבען איז זעלבסט־ענטוויקלונג, אַז דער אידעאַל פון יעדער פּערזאָן איז אַם פולסטען אויסצודריקען איהר אינהאַלט, אַז דאָס אַסקעטישע אָבזאָגען זיך פון מאַטעריעלע און זינ־ליכע פריידען איז געגען דער נאַטור און דער היסטאָרישער ענטוויק־לונג.

טו וואו איז דער אויסגאַנג?

אויף אַט די פראַגען געפינען מיר ניט קיין ענטפער אין דעם „בילד פון דאָריאַן גריי". דעריבער ענדיגט זיך דאָס מערקווירדיגסטע ווערק מיט אַ פראַגעצײַכען.